בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

כי תבא תשפ"א
גליון 57



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב "שַׁבָּת סְלִיחוֹת". סְ'אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן **"גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, סְ'אִיז דָא נָאךְ אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז גְלַייךְ **מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הֶערְט עֶר שׁוֹין וִוי דֶער שַׁמָּשׁ וֶועקְט אוֹיף צוּ סְלִיחוֹת.** פוּן דִי שִׂיחָה לֶערְנְט מֶען אַז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְלִיחוֹת אִיז שׁוֹין אַ חֵלֶק פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה! עֶס וֶוערְט אוֹיךְ אַזוֹי גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה, אַז פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סְלִיחוֹת הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי יָמִים הַנּוֹרָאִים, עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס פִּירְן זִיךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סְלִיחוֹת צוּ פַאסְטְן בִּיז חֲצוֹת. טֵייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיז עֶנְק אַמָאל בַּייגֶעפַאלְן דִי פְּרַאגֶע, "פַארְוָואס הֵייבְּט מֶען אַלֶעמָאל אָן צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת בַּיי דִי אַשְׁכְּנַזִּים דַוְוקָא **פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת?"** וָואס הָאט שַׁייכוּת שַׁבָּת צוּ סְלִיחוֹת?

עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ אִיד וָואס הָאלְט פַארְן חַתּוּנָה מַאכְן אַ קִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס צוּצוּגֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, אִינְמִיטְן אַ פְּשׁוּטְ'ן טָאג, קְלַאפְּט אֵיינֶער אוֹיפְן טִיר, עֶר עֶפְנְט דִי טִיר, שְׁטֵייט דָארְט נִישְׁט קֵיין בַּאקַאנְטֶער אִיד, אוּן דֶער אִיד גִיט אִים אַ קָאנְוֶוערְט מִיט גֶעלְט וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג צוּ דֶעקְן אַלֶע הוֹצָאוֹת פוּן דִי חֲתוּנָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אָרֶעמַאן וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט, וָואס עֶפֶּעס גִיט אִיר מִיר אַזַא גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט?!

לָאמִיר זִיךְ אָבֶּער פָארְשְׁטֶעלְן אַז דֶער אִיד וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סוּמֶע גֶעלְט אִיז זַיין טַאטֶע, וָואלְט דֶער קִינְד זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אוּן וָואלְט גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. פַארְוָואס? ווַייל עֶר וֵוייסְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר אַ מַתָּנָה, אָט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע מַתָּנָה פַאר דִי אִידְן, עֶס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין מַיינֶע אוֹצְרוֹת, גֵיי אוּן זַיי מוֹדִיעַ אַז אִיךְ וִויל זַיי דָאס גֶעבְּן." דִי כַּוָּונָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶעוֶוען, אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זַיי פְּלוּצְלִינְג גֶעבְּן דִי מַתָּנָה וֶועלְן זַיי זִיךְ שֶׁעמֶען דָאס צוּ נֶעמֶען. נָאר נָאכְדֶעם וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַיי גָאר שְׁטַארְק לִיבּ אוּן ווִיל זַיי גֶעבְּן אַ מַתָּנָה, עֶרְשְׁט דַאן הָאבְּן דִי אִידְן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן גָאר אַ נָאנְטְן פְרַיינְד אִיז מֶען גְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה אָן זִיךְ דַארְפְן שֶׁעמֶען.




אַזוֹי אוֹיךְ דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז יוֹם הַקָּדוֹשׁ דִי יְמֵי רָצוֹן, וָואס דַאן אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר אַלֶע זִינְד, בַּאקוּמֶען מִיר גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנוֹת פוּן סְלִיחָה מִיט מְחִילָה, רַחֲמָנוּת אוּן רָצוֹן, צוּ פַארְצַייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד.

"בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךְ תְּחִלָּה" - מוֹצָאֵי שַׁבָּת הֵייבְּן מִיר זִיךְ אָן צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דִיר, בַּאשֶׁעפֶער. ווַייל

המשך אויף זייט 4

דעם רבי'נס לייט

## אַ בְּרָכָה פון רֶבּי נָתָן

ר' חַיִּים סְטָאלֶער דער פְּשׁוּט'ער אִידל שְׁטֵייט אין זיין סְטָאלֶערַיי, ער האלט אִינְמִיטְן צאַמְשְׁטֶעלְן שַׁאפֶעס מיט טִישְׁן און נאָך פאַרְשִׁידֶענֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל.

ר' חַיִּים אַ פֵייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פון ר' נָתָן ווייסְט וויאַזוֹי צו אוֹיסְנִיצְן די צַייט, ווען ער האלט אִינְמִיטְן גְלַאט מאַכְן און אוֹיסְרַייבְּן די האָלְץ גִיסְט ער זיך אוֹיס דאָס האַרץ און לאָזְט פאַלְן טְרֶערְן זיך בֶּעטְנְדִיג דֶערְבַּיי בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, איך האַלט דאָ אין האַנְט אַ האָלְצֶערְנֶע קְלָאץ און איך אַרְבֶּעט דאָס אוֹיס בִּיז עס ווערט אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל מֶעבְּל. בֶּעט איך דיר טאַטֶע, הֶעלְף מיר איך זאָל זיך אוֹיךְ רֵיינִיגְן מיין נְשָׁמָה מיט מיין האַרץ עס זאָל אוֹיךְ ווערן אַזוֹי שֵׁיין גְלַאט און זוֹיבֶּער ווי דאָס האָלְץ וואָס איך שַׁארְף אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין.



לַיידֶער האָט ר' חַיִּים נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווען צו האָבְּן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל האָט זיך זיין בְּנֵי־בַּיִת אָנְגֶערוּפְן מיט אַ טַעֲנָה צו אִים: "אַלֶע חֲסִידִים גֵייעְן זיך וואוּנְטְשְׁן בַּיי ר' נָתָן און דו וואָס דו האָסְט נאָך נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווען צו קִינְדֶער פאַר וואָס גֵייסְטוּ זיך נִישְׁט וואוּנְטְשְׁן בַּיי אִים?" האָט ר' חַיִּים איר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ר' נָתָן ווייסְט דָען נִישְׁט אַז מיר האָבְּן נִישְׁט קיין קִינְדֶער? וואָס האָבּ איך אִים צו בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז דו ווילְסְט, גֵיי דו און בֶּעט אִים אַ בְּרָכָה".

זי איז טאַקֶע גֶעגאַנְגֶען און זיך גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר' נָתָנ'ס טיר און אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אין אַ גֶעוויין. ר' נָתָן גִיט אַ פְרֶעג: "ווער איז דאָרְט?" האָט זי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן איר ווייטָאג און צַעַר, אַז עס איז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יאָר און זיי האָבְּן נאָך נִישְׁט קיין קִינְדֶער. האָט ר' נָתָן איר גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים און זאָג פאַר דיין מאַן ער זאָל אַרֵיינֶעמֶען בַּיי זיך צען גֶעסְט וואָס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זיי גֶעבְּן צו עֶסְן. איך מַיין נִישְׁט איר זאָלְט גֶעבְּן פִישׁ און פְלֵייש, נאָר אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶ'ע קוֹילִיטְשׁ מיט קאַווֶענֶעס (חַלּוֹת מיט רוֹיטֶע מֶעלָאן)"

האָט די פְרוֹי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מיט גְרוֹיס פְרֵייד: "זִיכֶער, איך נֶעם זיך שׁוֹין אוּנְטֶער אַרֵיינְצוּנֶעמֶען די גֶעסְט און אַלֶעס בַּאזָארְגְן פאַר זֵיי".

ר' נָתָן זאָגְט איר: "גֵיי קוֹדֶם פְרֶעגְן דיין מאַן". זי איז טאַקֶע אַהֵיים גֶעגאַנְגֶען און פאַרְצֵיילְט פאַר איר מאַן וואָס ר' נָתָן האָט איר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

האָט זיך ר' חַיִּים אָנְגֶערוּפְן: "גֵיי צו ר' נָתָן און זאָג אִים אַז איך וועל זיי גֶעבְּן פִישׁ און פְלֵייש אוֹיךְ". זי איז טאַקֶע צוּרִיקְגֶעגאַנְגֶען צו ר' נָתָן, אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן די ווערְטֶער פון איר מאַן.

האָט איר ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "ווען דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וועט הֶעלְפְן און איר וועט גֶעהָאלְפְן ווערן מיט אַ קִינְד, זאָלְט איר אַ נאָמֶען גֶעבְּן דאָס קִינְד, 'לֵוִי יִצְחָק' נאָכְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער רָב זַצַ"ל".

עס איז טאַקֶע אַזוֹי גֶעווען, און עס איז גֶעבּוֹירְן גֶעוואָרְן אַ אִינְגֶעלֶע, מֶען האָט דאָס קִינְד טאַקֶע אַ נאָמֶען גֶעגֶעבְּן לֵוִי יִצְחָק. נאָך אַ שְׁטִיק צַייט איז גֶעבּוֹירְן גֶעוואָרְן נאָך אַ אִינְגֶעלֶע, האָט מֶען אִים גֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל נאָכְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, און דאָס איז דער בַּאוואוּסְטֶער ר' יִשְׂרָאֵל טְרָאוִויצֶער זַ"ל.

דער זוּן ר' לֵוִי יִצְחָק איז נִפְטַר גֶעוואָרְן פאַר בְּעֵרֶךְ הוּנְדֶערְט יאָר צוּרִיק, (תר"פ) זיי זֶענֶען גֶעווען כֹּהֲנִים און ווען ר' לֵוִי יִצְחָק פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין דוּכֶענֶען, פְלֶעגְט ער בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים מיט גאָר אַ גֶעשְׁמַאקֶע און זִיסֶע שְׁטִימֶע.

שְׁפֶּעטֶער איז בַּיים ר' חַיִּים סְטָאלֶער אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוואָרְן אַ טָאכְטֶער וועלְכֶע האָט אין די שְׁפֶּעטֶערֶע יאָרְן חֲתוּנָה גֶעהַאט צו ר' שַׁבְּתַי בְּרֶסְלֶבֶ'ער.



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

### וואוּ זֶענֶען מַיינֶע בְּרִילְן??

פָּארִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג בִּין אִיךְ אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן, גֵייעֶנְדִיג צוּ דִי יְשִׁיבָה וואוּ מַיין חַבְרוּתָא הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר. אָנְקוּמֶענְדִיג אִין יְשִׁיבָה בַּאמֶערְק אִיךְ אַז מַיינֶע אוֹיגְן בְּרִילְן זֶענֶען נִישְׁט דָא, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וואוּ אִיךְ הָאב דָאס גֶעלֵייגְט.

אֵיין מִינוּט, וואוּ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פַארְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן? אִין מִקְוֶה! אָבֶער אִיךְ גֶעדֶענְק אַז בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן הָאבּ אִיךְ יָא גֶעהַאט מַיינֶע בְּרִילְן, נָאר אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג צוּם פּוּשְׁקִינֶע גַאס הָאט אִיךְ דָאס אוֹיסְגֶעטוּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין טַאשׁ, אִיךְ וַויל נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן וֶוערְן אוּמְרֵיין אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאס, אָבֶער וואוּ אַהִין אִיז עֶס פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן?

מַיין חַבְרוּתָא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען מִיט מִיר וַוייל אִיךְ קֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער לֶערְנֶען אָן בְּרִילְן, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן? אִיךְ הָאבּ תְּפִלָּה גֶעטוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין דָא אִין אוּמַאן נָאךְ פִיר וָואכְן אָן בְּרִילְן, אָבֶער גֵיי טְרֶעף יֶעצְט אִין אַזַא בֶּהָלָה בְּרִילְן פוּן אַ בָּחוּרְ'ל.

שׁוֹין, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוֹיפְצוּמַארְגְנְס הָאט אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, לָאמִיר מַאכְן חֶסֶד פַאר אִידְן, אִיךְ הָאבּ נָאךְ לִיבּ פוּן אַלְץ קְלֵיין קִינְד צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר פַארְשִׁידֶענֶע צְוֶועקְן, דָא אִין אוּמַאן פֶעלְט נִישְׁט פַאר וֶועם צוּ גֶעבְּן הִילְף, וֶועל אִיךְ גֵיין בַּיים צִיּוּן נָאךְ גֶעלְט. אִיךְ נֶעם אַ פְּלַאסְטִיק פִּישְׁקֶע אוּן אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ זַאמְלֶען צְדָקָה, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט גֵיין אַזוֹי מִיטְן פִּישְׁקֶע, קוּמְט צוּ אַ אִיד אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דֶעם פִּישְׁקֶע אַ בְּרִילְן!! מַיינֶע בְּרִילְן!! דֶער אִיד וֶוערְט נֶעלְם!

נָאךְ אַפָּאר מִינוּט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן דֶעם אִיד, אִיךְ פְּרֶעג דֶעם, יֶענֶעם, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וָואס אִיךְ רֶעדְט.

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער דִי פָּאר טֶעג בִּיז שַׁבַּת קוֹדֶשׁ קוּמְט דֶער אִיד צוּ מִיר אוּן זָאגְט מִיר: "אִיךְ בִּין דֶער וָואס הָאט גֶעטְרָאפְן דַיינֶע בְּרִילְן", וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶעטְרָאפְן? פְּרֶעג אִיךְ אִים: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס פַאלְט אַרָאפּ בְּרִילְן פוּן אֵיינֶעם אוּן אַ אוֹטָא הָאט עֶס כִּמְעַט אִיבֶּערְגֶעפָארְן, הָאבּ אִיךְ עֶס שְׁנֶעל גֶענוּמֶען!" "פוּן וִוי הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס בַּאלַאנְגְט פַאר מִיר" פְּרֶעג אִיךְ מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ נִישְׁט, וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט הָאט אִיךְ עֶפֶּעס צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס בִּיסְטוּ, אוּן דָאס בַּאלַאנְגְט פַאר דִיר!

אַהֲרֹן

אַהֲרֹ'לֶע, דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דִי שֶׁענְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז צוּ זֶען, אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶער בָּחוּר וֵוייסְט וִויאַזוֹי צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט צוּ הַאלְטְן דִי מֹחַ לוֹיטֶער רֵיין, הַגַם אַז אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שַׁארְף אָבֶער בַּיי קְדוּשָּׁה וָואס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט הָאט עֶר אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ מַאכְן גְּדָרִים, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָּה אוּן מַצָּב, וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ הִיטְן דֶעם מֹחַ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אוֹיגֶעלֶעך. דָאס אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִי בְּרִילְן אִיז טַאקֶע אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁמִירָה, מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר!

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִּיק, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן טְרֶעפְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַארְלוֹירֶענֶע טֶעג אוּן וָואכְן וָואס מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן, בִּזְכוּת דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן צַדִּיק וָואס מִיר קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.



דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה' אִיז
מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת,
אָן חוּמְרוֹת יְתֵרוֹת (שבחי הר"ן רל"ה)

# לָאמִיר זִיך פַאר הֶערְן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ניינטע מעשה (2)
## דער חכם מיט'ן תם

**א. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב אויף זיין שוך מיט דריי עקן?**

- ❑ וואספארא שיינקייט און וואוילקייט איז דאס שוך.
- ❑ וואספארא זיסקייט איז דאס שוך.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווען זיין ווייב האט אים געפרעגט: "דו נעמסט נאר א גולדן מיט א האלבן", וואס ענטפערט דער תם?**

- ❑ דאס איז יענעמס מעשה, און דאס איז מיין מעשה.
- ❑ וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וואס האט דער תם געזאגט פאר די מענטשן וואס האבן מיט אים אנגעהויבן שמועתן כדי צו שפעטן פון אים?**

- ❑ מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד.
- ❑ נאר אן ליצנות.
- ❑ ער האט זיי מוסר געזאגט, פארוואס זיי מאכן ליצנות.

**ד. וואס האט אים זיין ווייב געגעבן אנצוטון ווען ער איז געגאנגען צום חכם?**

- ❑ די פעלץ.
- ❑ די טוליפ.
- ❑ די יופא.

**ה. פאר וואס האט דער חכם מקרב געווען דעם תם ווען ער האט אים געזען?**

- ❑ ווייל דער תם איז געווארן א חכם.
- ❑ ער האט אים נישט געוואלט פארשעמען ברבים.
- ❑ וועגן די ליבשאפט פון דער יונגט.

**ו. וואס איז געווארן מיט די הויז פונעם טאטן פונעם חכם?**

- ❑ עס איז זייער שיין איבערגעבויעט געווארן.
- ❑ עס איז אינגאנצן חרוב געווארן.
- ❑ עס איז געווארן א הערליכע שיינע אכסניא.

**ז. וואו איז דער חכם געפארן גלייך ביים אנקומען צו זיין שטאט?**

- ❑ צו אן ארבעריג (אכסניא).
- ❑ צו זיין טאטנ'ס הויז.
- ❑ צו די שטוב פונעם תם.

**ח. האט דער חכם הנאה געהאט פון דעם פלאץ וואו ער איז איינגעשטאנען?**

- ❑ זייער הנאה געהאט.
- ❑ ס'איז נישט געווען באקוועם פאר אים.
- ❑ ער האט געהאט דארטן יסורים.

**ט. וואו איז דעם חכם געגאנגען וואוינען נאך דעם?**

- ❑ אין די שטוב פונעם תם.
- ❑ אין א הערליכע שיינע אכסניא.
- ❑ געבליבן די גאנצע צייט אין די אכסניא.

**י. איז געפעלן פארן שררה (שר), דאס פינגערל וואס דער חכם האט געמאכט?**

- ❑ עס איז אים זייער געפעלן.
- ❑ יא, נאר איין זאך איז אים נישט געפעלן.
- ❑ עס איז אים גאר נישט געפעלן.

**יא. האט דער חכם מצליח געווען אויסצוקריצן דעם דומיט (דימאנט) פונקט ווי דאס צווייטע דומיט?**

- ❑ יא, ער האט דאס די זעלבע אויסגעקריצט.
- ❑ יא, נאר עס האט געפעלט איין זאך.
- ❑ בכלל נישט אויסגעקומען ענדליך צום צווייטן דומיט.

**יב. איז געפעלן פאר דעם שררה, דער דומיט וואס דער חכם האט געקריצט?**

- ❑ עס איז אים וואויל געפעלן.
- ❑ יא, ער האט געהאט נאר איין הערה.
- ❑ עס איז אים בכלל נישט געפעלן.

**יג. וואספארא יסורים האט דער חכם געהאט פונעם אויסגעקריצטן דומיט (דימאנט)?**

- ❑ פון א קלאפ וואס ער האט געכאפט פונעם דומיט.
- ❑ פון א פעלער וואס ער האט געמאכט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער עולם געזאגט ווען א קראנקער איז געזונט געווארן פון די רפואות פונעם חכם?**

- ❑ געלויבט דעם חכם אז אין זיין זכות איז ער געהיילט געווארן.
- ❑ ס'איז א מקרה (סתם אזוי).
- ❑ ווען נישט די רפואות, וואלט ער שנעלער געהיילט געווארן.

**טו. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט: "דו קענסט בשום אופן נישט ווערן אזוי א חכם ווי מיר"?**

- ❑ ביי השם יתברך איז אלעס מעגליך.
- ❑ ער האט מודה געווען צו אים.
- ❑ אים בכלל נישט געענטפערט.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**

- ❑ ס'איז כדי זיך צו לערנען אסאך פאכן צו קענען מאכן פון דעם פרנסה.
- ❑ נישט קוקן וואס אנדערע טוען.
- ❑ ________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**
**1-518-329-9149**

**המשך פון זייט 1**

נָאכְן בַּאקוּמֶען אַזַא שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס הֵייסְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶען מִיר וִוי שְׁטַארְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, וֶועט עֶר אוּנְז זִיכֶער גֶעבְּן אַ מְחִילָה סְלִיחָה וְכַפָּרָה. (ליקוטי הלכות מתנה ד')

לָאמִיר זֶען אַ בְּרִיוֶועלֶע, וִויאַזוֹי ר' נָתָן גְרֵייט אוּנְז אָן צוּ דִי יָמִים נוֹרָאִים: (גֶעשְׁרִיבְּן ג' ראה ת"ר)

דִי הֵיילִיגֶע יָמִים נוֹרָאִים קוּמֶען צוּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְקוּקְן דִי מַעֲשִׂים, אוֹיסְזוּכְן אוּן פָארְשְׁטְן אַ וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, - יֶעדֶער אִיד דָארְט וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ - מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ נָאר מִיטְן מוֹיל.

מֶען דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט רְצוֹנוֹת אוּן גוּטֶע כִּסּוּפִין מִיט אַ גְרוֹיס הִתְחַזְּקוּת אוּן עַקְשָׁנוּת אִינֶעם רָצוֹן, אוּן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ אַז דִי גוּטְס וָואס אִיךְ פַארְמָאג אִיז גָאר שְׁטַארְק, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען וָואס אִיךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, פָּארְט קֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע וַואסֶערְן נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דָאס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דִי טֵייכְן קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁוֶועמֶען דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם וֶועלְט - וָואס לוֹיפְט דוּרְךְ וִוי אַ שָׁאטְן.

בִּפְרָט - וָואס גֶעלוֹיבְּט גָאט מִיט זַיין גְרוֹיס חֶסֶד - אִיז אַלֶעס בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְזִיגְלְט אוּן גֶעהִיטְן בַּיים אֱמֶת'ן רֹאשׁ בֵּית (דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי) אוּן מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג פַאר אַלֶע אֱמֶת'ע אֵייבִּיגֶע גוּטְס. נָאר שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אוּן נָאךְ מֶער אוּן מֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז יֶעדֶער אִיד וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, זָאל זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת אוּן אָנְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע יָמִים נוֹרָאִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, בִּקְדֻשָּׁה וְטַהֲרָה אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אוּן פַארְזִיגְלְט בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים אָמֵן